בס"ד. שיחת ש"פ בשלח, י"א שבט ה'תשמ"ח. הנחה הת' בלתי מוגה

## השלמות לשיחות הראשונות

[בענין אמירת שירה גם ע"י עוברין שבמעי אמן]:

א. וואס דאס ווייזט אויף תכלית ההתאחדות פון בני ישראל, אז אפילו אזא וואס איז אן עובר, וברוחניות – גלות (הנמשל לעיבור), ווערט נתאחד און זאגט שירה צוזאמען מיט משה רבינו ובני ישראל. [ולהעיר אז אן עובר במעי אמו מלמדין אותו כל התורה כולה ונר דלוק על ראשו כו'[1]].

[און ווי מ'געפינט אמאל אז אן עובר ווערט גערעכנט צווישן בני ישראל, ווי דאס איז געווען בא יוכבד, אז זי ווערט גערעכנט צווישן "כל הנפש גו' הבאה מצרימה שבעים"[2] כאטש זי איז געווען אן עובר ו"נולדה[3] בין החומות בכניסתן לעיר שנאמר[4] אשר ילדה אותה ללוי במצרים, לידתה במצרים כו'".

ועד"ז זעט מען אויך אז שבט לוי, "לגיון של מלך"[5], "נמנה מן הבטן"[6] (און דאס וואס מ'דארף ווארט א חודש – איז בכדי מוציא זיין פון א ספק כו'[6]).

ביז אז די שירה פון אידן (אויך פון די עוברין), וואס איז די שלימות פון קרי"ס, ווערט די הכנה צו כניסת ארץ ישראל, און דאס פועל'ט אויך אויף אוה"ע – "תפול עליהם אימתה ופחד"[7], ביז "נמוגו כל יושבי כנען"[8].

ב. תורת חיים איז א הוראה בחיים, און התורה היא נצחית[9], נצחית אויך אלס הוראה (וואס דערפון איז אויך מובן אז יעדערער האט די כחות צו מקיים זיין די הוראות, ווארום "איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[10], צוזאמען מיט די הוראות און נאך פאר די הוראות – גיט דער אויבערשטער די כחות זיי צו מקיים זיין).

ועד"ז איז אויך בנוגע דער ענין פון שירת הים אין תורה – אז דאס איז א הוראה בכל זמן וזמן.

ובנוגע לענינינו איז דערפון די הוראה אין דער התוועדות, וואס איז פארבונדן מיטן נשיא הדור, וועלכער איז מאחד אלע אידן – אז אין דער התוועדות שטייען בהתאחדות אנשים נשים [טאקע די אנשים אין עזרת אנשים און די נשים אין עזרת נשים, אבער צוזאמען בהתאחדות אין די זעלבע התוועדות] וטף, און אויך עוברין שבמעי אמן (וואס זיינען דא בא דער התוועדות).

---

1) נדה ל, ב. 2) ויגש מו, כז. וראה שמות א, ה. 3) פרש"י ויגש שם, טו. 4) פינחס כו, נט. 5) פרש"י במדבר א, מט. 6) פרש"י שם ג, טו. מתנחומא במדבר טז. 7) פרשתנו טו, טז. 8) שם, טו. 9) תניא רפי"ז. 10) במדב"ר פי"ב, ג.

און דערפון דארף יעדער איד ארויסנעמען א הוראה במעשה בפועל – בנוגע צו א הוספה באהבת ואחדות ישראל.

[סיום השיחה]:

ג. ויה"ר אז בקרוב ממש זאל זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר"[11], ניט נאר "הקיצו" נאר אויך "ורננו", רינה ושירה, עם כל הפירושים שבזה,

און דער בעל ההילולא נשיא דורנו בתוכם, צוזאמען מיט אלע אידן נשמות בגופים, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[12], און נשיא דורנו בראשנו – ווארום ער איז כולל ומאחד כל אנשי הדור, און ער האט צוגעשטעלט תלמידיו ותלמידי תלמידיו וואס גייען בדרכיו ונלכה באורחותיו באופן פון "נצח סלה ועד"[13], און ער גיט זיי די כחות צו טאן די עבודה – איז פשוט אז ער גייט בראשנו.

וכספם וזהבם אתם[14], גייט מען לארצנו הקדושה, ובמהרה בימינו ממש.

* * *

[בענין שכאשר שני יהודים נפגשים יחדיו, עליהם להשתדל שפגישתם תביא תועלת וטובה ליהודי שני]:

ד. און דער גודל ההכרח צו העלפן א צווייטן אידן איז פארשטאנדיק בפשטות. ובפרט אז יעדער איד איז ווי א בן מלך, און אים קומט מער ווי "סעודת שלמה בשעתו", כפס"ד המשנה[15]. וכפתגם פון דעם בעל ההילולא[16] אז יעדער איד איז ווי אן "איידעם אויף קעסט", וחתנו כבנו[17] – "בנים אתם לה' אלקיכם"[18], במילא איז פארשטאנדיק אז אפילו א טירחא הכי קלה איז מער וויפל ער דארף טאן, און בשעת מ'זאגט אים אז ער דארף זיך א ביסל מטריח זיין, קען ער שרייען צום "שווער": כ'בין דאך בא דיר אויף קעסט – דארפסטו מיר אלץ צושטעלן!

נאר דערצו וויל דער אויבערשטער אז דערביי זאל אויך זיין עפעס אן ענין של עבודה (בכדי עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא[19]).

---

11) ישעי' כו, יט. 12) בא י, ט. 13) ל' אדה"ז באגה"ק סכ"ז (קמו, א). 14) ישעי' ס, ט. 15) ב"מ רפ"ז. 16) ראה לקו"ד ע' 20. 17) ב"ר פפ"ד, יט. תנחומא (באבער) וישב י. וראה פרש"י ד"ה נפק – שבת כג, ב. 18) ראה יד, א. 19) ראה ירושלמי ערלה פ"א ה"ג.



SichosKodesh.com

דערפון האט מען די הוראה בפועל: שטייענדיק אין דער התוועדות בקשר מיט דעם יום ההילולא – דארף יעדערער אנגעמען החלטות טובות אז פון דער התוועדות זאל ארויסקומען א טובה פאר א דריטער איד און א פערטער איד א.א.וו.

און דורך דער החלטה עצמה באקומט מען שוין גלייך ובדרך ממילא דעם שכר[20] באופן פון סיבה ומסובב [כידוע די צוויי דיעות[21] וואס ברענגען זיך אויך אין חסידות[22] בנוגע צו שכר, צי דאס איז בדרך סגולה אדער בדרך הטבע. וע"פ הדיעה אז דאס איז בדרך הטבע איז פארשטאנדיק פארוואס מ'קאכט זיך אזוי וועגן די יעודים ושכר שבתורה, דלכאורה איז דאס עבודה שלא לשמה? נאר וויבאלד אז דער שכר איז א תוצאה מוכרחת פון דער עבודה מצד טבע הדברים – איז בשעת מ'טוט די עבודה קומט בדרך ממילא די שכר],

ביז צו תכלית שלימות השכר – די גאולה האמיתית והשלימה, ושירה העשירית לעתיד לבוא, "השירה הזאת"[23], בתכלית הגילוי, מראה באצבעו ואומר זה וזאת[24] – מ'זעט אז אָט דאָ איז די גאולה, אָט דאָ איז משיח צדקנו, אָט דאָ איז נשיא דורנו,

און מ'האט דעם ביהמ"ק השלישי, ותיכף ומיד ממש – ווארום דער ביהמ"ק איז בנוי ומשוכלל למעלה און דאס קען יורד זיין מיד[25] (כמדובר כמ"פ), אין דעם שבת ממש, תיכף ומיד ממש.

* * *

ה. מאמר (כעין שיחה) ד"ה באתי לגני.

* * *

ו. [הדרן על מסכת שבת – הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א ונכלל בהשיחה שנדפסה לעיל (ס"ח)].

* * *

ז. אין א התוועדות פון שבת איז אויך רגיל צו רעדן אן ענין אין פרש"י בפרשתנו, אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו און אן ענין אין היינטיקן שיעור רמב"ם.

בנוגע צו פרש"י האט מעורר געווען אויף דעם ערשטן פרש"י

---

20) ראה קידושין מ, א. 21) ראה של"ה יב, א ואילך. 22) ראה לקו"ש חט"ו ע' 311 ואילך. וש"נ. 23) מכילתא עה"פ פרשתנו טו, א. וראה הערה 53 בשיחה המוגהת. 24) ראה פרש"י פרשתנו טו, ב. 25) ראה פרש"י סוכה מא, סע"א.

הנחת הת' בלתי מוגה